דרשות

# הושענא רבה

מאת רבינו הקדוש

מסאטמאר זי"ע

תשכ"ב לפ"ק

KolSatmar.com

# הושענא רבה תשכ"ב

ס'איז ידוע דער טאג הייסט הושענא רבא, מ'זאגט דאפלט הושענא, דאס זאגט מען דאך אלע טאג, הושענא למענך אלקינו הושענא, פארוואס צוויי מאל הושענא ס'איז דאך די זעלבע זאך מ'בעט אויף א ישועה.

פאר איך וועל צוקומען צום ענין וועל איך זאגן בקיצור, **איך זאג אלע יאר דאס משל וואס דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן, ער פלעגט עס צו זאגן יעדעס יאר, ס'זאל זיין זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**, ער פלעגט צו זאגן דאס משל א מלך קומט אריין אין א מדינה, מעיקרא לאזט מען צו וויסן אז דאס מלכות קומט אין שטאט אריין, יעדער קען זיך גיין אויסבעטן, טאמער מ'האט עפעס פוגם געווען אקעגן מלך, אז מ'ברויך האבן עפעס, טאמער מ'וויל עפעס האבן, אז מ'ברויך האבן מבית המלך, איז די צייט אז מ'זאל זיך קומען בעטן, פארשטייט מען דאך ווער עס איז א בר שכל, אז ער ווערט נאר געוואר אז דאס מלך ברויך צו קומען אין שטאט אריין גייט ער אקעגן און פאלט אים אונטער די פיס, און ער בעט זיך און ער קומט אריין אינאיינעם מיטן מלכות.

ווער ס'נישט דער בר דעת דער ווארט ביז דער מלך קומט אין שטאט אריין, און דעמאלץ גייט ער הערשט, און ס'איז דא

KolSatmar.com

אבער ווער עס ווערט נאך נישט נתעורר דעמאלץ אויך נישט, אבער עכ"פ אינעם משך פונעם זמן וואס דער מלך איז דארט דערמאנט ער זיך ער זאל זיך גיין בעטן, אויב איינער פארלירט די גאנצע צייט און ס'קומט דער לעצטער טאג, די כרוזים גייען "דער מלך געזעגענט זיך שוין פון די שטאט", ווער גייט שוין נישט צו דעמאלטץ אויך נישט. נאר דעמאלץ גייט מען דאך מיט גרויס בושה, מ'פרעגט אים אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי, נאר אבער וואזשע דען, אלעס איז א קשיא אז מ'קומט עפעס פאר זיך, אז מ'קומט אבער בעטן אין אינטערעסע פונעם מלך פרעגט מען נישט קיין קשיות, כל יומא זמניה הוא, דאס זאג איך אלץ דאס משל.

**דאס** ווייסט מען אז פון ר"ח אלול אן איז דער זמן וואס איז מסוגל אויף תשובה, די כרוזים גייען און מ'בלאזט שופר יעדן טאג, אז ס'קומט די הייליגע טעג, אזוי ווי דער פסוק זאגט דרשו ה' בהמצאו, מ'זאל פארשטן דעם באשעפער ווען ער געפינט זיך, אימתי הוא נמצא בין ראש השנה ליום כיפור, נאר אויב מ'פארשפעטיגט דאס, איז נאך דא א זמן ביז נאך הושענא רבה, דעמאלטץ איז קראוהו בהיותו קרוב, פארשטייט מען ווער ס'איז א בר שכל, דער ווערט נתעורר נאך מתחילת אן, פון ראש חודש אלול, און ווער ס'גייט פאריבער די צייט, ס'גייט דורך ר"ה עשי"ת און יו"כ, און מ'קוקט זיך אן מ'האט גארנישט געטוהן, מ'זעה מיר נאך אוים אזוי ווי פריער, מ'זאל זיך בארעכענען וואס האט מען אויפגעטאן, וואס איז מען בעסער געווארן, האבן מיר זיך אמת'דיג אויסגעאסען דאס הארץ פארן לעבעדיגן באשעפער, אבער מ'זאל וויסן אז היינט איז דער לעצטער טאג, די כרוזים גייען מ'געזעגענט זיך שוין פונעם מלך, מ'פרעגט דאך אונז א קשיא "אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית לגבאי" לאמיר

KolSatmar.com

זיך פארלאזן אויף דעם למענך אלקינו, מ'בעטן מיר זיך וועגן כבוד שמים, אויף דעם איז אלעמאל צייט.

איך וועל צוגעבן צו דעם משל, דאס האבן זיי געזאגט דעמאלטץ, ווען ס'געווען דער בהמצאו, מ'האט געשפירט יעדערער דאס התעוררות פון די הייליגע טעג, דער זיידע זכרונו לברכה זאגט אין ישמח משה יש תקוה לאחריתך, ס'איז נאר ושבו בנים לגבולם, אין די הייליגע טעג טוהט יעדערער תשובה, נאר ווען מ'גייט דורך די הייליגע טעג איז מען צוריק צו דער זעלבע, דער ייטב לב טייטשט מיט דעם אם אעברה נא, די נ"א יום פון ר"ח אלול ביז נאך הושענא רבא, איז אין כאן סלח נא, נאר דער פעלער איז ושבו בנים לגבולם, מ'איז צוריק דער זעלבער, בעוה"ר אין די טעג אליין איז מען אויך נישט ווי ס'ברויך צו זיין, אז ס'העט כאטש געווען דאס, בלייבט עפעס א רושם.

איך וועל צוגעבן צו דעם משל לויט די היינטיגע זמנים, דער אמת אז ס'איז געווען א טאג, די קינדער האבן געזינדיגט פארן פאטער, פאר א מלך, אדער פאר א גרויסן טאטן וואס ער האט אלעס אין די הענט, און די קינדער האבן פוגם געווען האט מען זיי פארטריבן אין א ווייטע מדינה צווישן פויערין, וואס זיי ווייסן נישט קיין תכסיסי מלוכה, זיי האבן נישט קיין השגה וועגן דעם הייליגקייט וואס איז בבית המלך, ממילא אז זיי זענען פארטריבן געווארן אין די מקומות זענען זיי דאך אויך נתגשם געווארן, זענען זיי נאך ארגער געווארן, נאר ס'איז אבער געווען א זמן ידועה, אזוי סוף יאר האט מען געוואוסט אז דער מלך קומט אין שטאט אריין, דאס האט אריינגעברענגט א כח אז מ'זאל שרייען, מ'האט געוואוסט דער מלך איז אין שטאט אריין, זיי זענען דורכדעם דערוועקט געווארן און זענען געגאנגען, האט מען געהאפט אז מ'האט

KolSatmar.com

אויסגעבעטן אז מ'וועט אמאל געהאלפן ווערן, אפשר דער טאטע דער מלך וועט זיי נאך צוריק נעמען אהיים צו זיך.

**ס'איז** אבער לענגער געווארן, מ'איז נתגשם געווארן, און דער מלך ווען ער איז געקומען אהין האט ער זיך פארשטעלט, ער האט אויסגעזעהן אזוי ווי איינער א דארפ'ס מאן, מיט אזעלכע לבושים, מ'האט אים גארנישט דערקענט, זיי האבן זיך דערזעהן עס קומט דער זמן און דער מלך קומט גארנישט, איז זיי געווארן זייער ביטער און זויער, מ'זעהט נישט מ'הערט נישט, זענען זיי געגאנגען א עצה פרעגן, איינעם וואס זיי האבן געוואוסט אז ער קומט ארויס פון א הויז וואס ער איז ערצויגן געווארן, די עלטערן האבן געוואוסט תכסיסי מלוכה, ווי איז דא עפעס אן עצה אז דער מלך זאל צוריקקומען צו אונז, מ'זאל זיך קאנען בעטן צו אים, האט ער געזאגט וואס קאן איך ענק געבען א עצה, איך בין אויך א פארצווייפלטער גלייך מיט ענק, איך בין דא די אלע יארן אזוי פון דערווייטנס, נאר אזוי פיל קען איך ענק זאגן אז דאס וואס איך ווייס פאר זיכער, ווארן ס'איז מקובל, אז ס'נישט פארהאנדן, און דער מלך איז צווישן ענק, דער הייליגער טאטע איז צווישן ענק, נאר ער איז פארשטעלט, מ'ווייסט נישט ווער ער איז, מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט, שרייטיך געוואלד הייליגער טאטע די ביסט דא !, דאס קען איך זאגן פאר זיכער אז ער איז דא צווישן אונז, נאר מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט, אוי נא לנו מ'האט זיך דערלעבט אזא צייט, אזא ביטערע הסתרה.

זיי פרעגן די קשיא, ס'שטייט אין פסוק (פ' וילך) ואמר על כי אין אלקי בקרבי מצאוני הרעות האלה ואנכי הסתר אסתיר פני, פרעגט מען די קשיא אויף דעם אלע שטעלן זיך, דער אין אלקי בקרבי, דאס איז א רעכטער ווידוי, טון זיי דאך אנערקענען דעם שולד דעם חוב, אז ווייל דער באשעפער איז נישט צווישן אונז, און

KolSatmar.com

איבערהויפט פארוואס קומט נאך דער עונש אז דאס איז א תשובה, נאר וואזשע דען האב איך געזאגט דעם פשט אזוי, דער אמת, דאס איז נישט קיין אמת מ'קען נישט זאגן אין אלקי בקרבי, השי"ת איז דא צווישן אונז אז מ'זאגט אזוי דאס איז ח"ו א יאוש, דאס איז ביטער ווי א גאל, נאר מ'דארף צו וויסן ס'איז נאר הסתר אסתיר, דער באשעפער איז דא אזוי ווי אין דורות הראשונים, דער חילוק איז נאר ער איז פארשטעלט, מורי ורבותי! וואס קען מען זאגן, אונז זענען איצט אין א שפלות גמור, מ'האבן מיר זיך דערלעבט אין אזא ביטער דור, אין מי יגדור גדר ומי יעמוד בפרץ, פניתי לימין ואין עוזר, ווי דער זיידע זכרונו לברכה (עיי' בייט"פ) פלעגט זאגן, וואס ווערט אנגערופן ימין און ווידעראום ולשמאל ואין סומך.

דער נביא שרייט געוואלד דרשו ה' בהמצאו מ'זאל פארשטן דעם באשעפער ווען מ'טרעפט אים, קראוהו בהיותו קרוב, צום סוף עס גייט דורך די הייליגע טעג, אוי מ'טרעפט גארנישט, ווי איז דער בהמצאו, וואס קאן איך ענק זאגן איך זאג נאר איין זאך אונז זעמיר אלע אינאיינעם פארצווייפלטע מענטשן, מ'קוק מיר ארויס אויף א ישועה, און מ'ווייס נישט ווי אזוי צוצוקומען, אזויפיל קען איך ענק זאגן עפעס אנדערש ווייס איך גארנישט, דאס זאג איך אויף זיכער בהבטחה גמורה מ'זאל וויסן השי"ת איז דא צווישן אונז, אין דעם ביהמ"ד, לאמיר זיך אונז בעטן און שרייען געוואלד, הייליגער טאטע אנטדעק דיך פאר אונז! לאמיר דיר זעהן! מ'ווייס מיר דעם אמת הקב"ה איז צווישן אונז, נאר זייער פארשטעלט, די ערשטע בקשה איז דאס, מ'זאל שרייען געוואלד, הייליגער טאטע אנדעק דיך פאר אונז! לאמיר דיר זעהן! לאמיר דיר שפירן! ווען די זאלסט דאך נישט אזוי באהאלטן פון אונז וועלן מיר אוודאי תשובה טון, וועלן מיר זיך

**אויסבעטן אלעם גוטץ א ישועה פאר השי"ת, א ישועה פארן כלל ישראל.**

**איך** פלעג דאס אייביג טייטשן, מ'זאג מיר המצא לנו בבקשתינו, השי"ת זאל זיך טרעפן פאר אונז ביי אונזער בקשה, כמה שנאמר ווי ס'שטייט אין פסוק, ובקשתם משם את ה' אלקיך ומצאת, עטץ וועטץ טרעפן, כי תדרשנו אז די וועסט אים פארשטן, דו וועסט אים זוכן, בכל לבבך ובכל נפשך מיטן גאנצן הארץ און מיטן גאנצן לעבן, מיט מסירת נפש, לכאורה ס'איז דאך מעשה לסתור, דא זאגט ער המצא לנו כמה שכתוב, און ברענגט נאך א פסוק, אין פסוק שטייט דאך זייער א שווערער תנאי, אז נאר כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך, אונז זעמיר דען ביי דער בחינה, נאר ווי אזוי בעט מען זיך המצא לנו אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק אז מ'קוקט גוט אריין, אין פסוק שטייט בכל לבבך ובכל נפשך, אוי ווי ווייט זענען מיר פון דעם, ווען מ'וואלט נאך געהאט א תנועה של אמת וקדושה אין די הערצער, בכל לבבך ובכל נפשך, בכלל איז א קשיא, ס'ידוע א מציאה קומט בהיסח הדעת, אז ס'איז ובקשתם אז מ'זוכט איז עס נישט קיין מציאה, אזוי ווי דער ישמח משה פרעגט די קשיא אויף יגעת ומצאת, אז מ'וועט טרעפן וואס דען זאגט ער המצא לנו אז ס'איז נאר מציאה.

**נאר** דער אמת איז אזוי, דער פסוק האט אונז מבטיח געווען אז מ'בעט זיך צום באשעפער, באמת האט מען נישט קיין דעת, מ'ווייס מיר נישט אפילו וואס ס'הייסט בכל לבבך ובכל נפשך, מ'ווייסט דאס נישט, נאר אז מ'בעט זיך צום בורא כל עולמים ער זאל נתגלה ווערן פאר אונז אין די ביטערע הסתרה, די גמרא זאגט אין לך שעה קשה מזה יותר ווי ס'שטייט, אנכי הסתר אסתיר, נאר אז מ'בעט זיך צום באשעפער און דער בורא כל עולמים העלפט, טרעפט מען א מציאה אז ס'זאל זיין בכל לבבך ובכל נפשך, מ'האט

זיך גארנישט געוואוסט צו בעטן אויף דעם, זאל עס נאר זיין פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם. אבער קיין חודו של מחט (ג"כ אין לנו), דאס קען מען וויסן פון דעם, ווייל ס'שטייט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, ממילא אויף א חודו של מחט איז מען נישט קיין מבינים, אבער דאס זעה מיר אז קיין פתחו של אולם האבן מיר נישט, א הבטחה איז דאך געווען אז מ'האט כחודו של מחט וועט נאכקומען פתחו של אולם, האבן מיר דאך א ראיה ברורה אז מ'האט נישט געעפנט קיין פתח אפילו כחודו של מחט, אוי ווי געוואלד ! אויב מ'זאל מיר עפענען א שטיקל פתח איז וגללו את האבן, - אזוי ווי עס שטייט אין ישמח משה (דרוש א' לחודש אלול) - מעל פי הבאר, אז מ'איז גולל את האבן מלמטה איז מען גולל את האבן למעלה, איבערדעם זאגט מען המצא לנו וגו', נאר ובקשתם משם את ה' אלקיך זאלט עטץ בעטן דעם באשעפער, ומצאת וועסטו טרעפן א מציאה, אז דערנאך וועט זיין כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך, אפילו מ'האט גארנישט געוואוסט אויף אזוי ווייט צו בעטן, נאר אז מ'בעט זיך עפעס צו דעם באשעפער, למען השם ! לאמיר נישט איבערלאזן דעם טאג, דער בורא כל עולמים ווארט אויף דעם מ'זאל מיר שוין ארויסגיין פון די הסתרה, ממילא וועט זיין ומצאת די וועסט דאס טרעפן דערנאך, אז מ'איז זוכה צו א שטיקל ישועה פון הקב"ה קומט מען צו צו דעם אז מ'זאל מיינען בכל לבבך ובכל נפשך, מיטן דרך הטבע, דאס טבעיות, און דאס התגשמיות מיט די טבע אנושית, מיטן שפלות הדור שטייט כחומה, אז אונז קען מיר גארנישט צו דעם צוקומען, נאר אז מ'בעט זיך אמת'דיג ביי השי"ת איז טאקע אויף דעם א ישועה.

דער תפארת שלמה ברענגט אויף די נוסחאות, הושענא רבא איז דאך ידוע א טייל זאגן מיט א ה"א און א טייל זאגן עס שטייט מיט אן אל"ף, ער זאגט לפי דרכו, ולפי דרכינו קען זיין בריאת

KolSatmar.com

העולם איז געווען באתא קלילא דלית בה משמשותא, כי בי-ה ה' צור עולמים, דאס ערשטע איז מיט א ה', און דער אל"ף איז אלופו של עולם, אנכי ה' אלקיך, בריאת העולם האט מען נישט אנגעהויבן מיטן אל"ף נאר קבלת התורה, קודם זאל זיין א ישועה באמת, און תשובה זאגן דאך די חכמי אמת תשוב ה', מ'שטעלט צוריק די ה', דאס איז הושענא רבא מיט א ה"א, איז מען זוכה דורך שמו ית', ס'זאל געהאלפן ווערן דער אלופו של עולם, עס ווערט נתגלה דער אנכי ה' אלקיך, איז דאס מיט א אל"ף, איז דאס צוויי בחינות נאר ס'איז הא בהא תליא.

**פ'איז** ידוע אין נא אלא לשון בקשה, נא איז תפלה, דער אמת מ'האבן מיר נאך ניטאמאל קיין דעת אויף וואס צו בעטן השי"ת, איין באשעפער אין הימל ווייסט וואס אידן ברויכן, דאס איז זיכער אמת, אזוי ווי כ'האב געזאגט ראש השנה מ'זאל בעטן אז השי"ת זאל געהאלפן ווערן, אין דעם איז נכלל אלע ישועות, השי"ת קוקט דאך ארויס לטובת ישראל, ווען וועלן שוין אידן געהאלפן ווערן, אוי וויי ! אוי וויי ! ווילאנג נאך ! ווילאנג נאך ! ווי לאנג וועט מען זיך פלאגן אין אזא ביטערע הסתרה, ביי גאולת מצרים ווען ס'איז געקומען דער זמן הגאולה האט די בורא כל עולמים געשיקט משה ואהרן, און די שכינה הק' איז מיט זיי מיטגעגאנגען, איז געווען דאס רעכטע התגלות, און אזוי האט מען צוגעצויגן אידן, אזוי האבן אידן תשובה געטוהן, אזוי איז קיין שום ספק נישט אז דער מלך המשיח וועט קומען צוזאמען מיט משה רבינו, אזוי שטייט דאך, און מיט אליהו וואס ער וועט קומען פריער, וועלן אידן באקומען אפענע אויגן, וועלן מיר אוודאי תשובה טון, דערווייל בעט מען זיך, אזוי ווי כ'האב געזאגט ר"ה, לאו אורח ארעא למיקם מלכא אבראי, ומלך נכנס לדין תחילה, איבערהויפט הושענא רבא, איבערדעם די תפלה אליין דארף א ישועה, אז מ'זאל מיינען כביכול, ממילא ווערט מען געהאלפן מיט

KolSatmar.com

אלעמען, איבערדעם איז הושע נא, אין נא אלא לשון תפלה, אזוי שטייט דאך דער נא אליין דארף האבן א ישועה, אז מ׳זאל מיינען למענך אלקינו, ממילא דערנאך איז שוין הושענא, ווערט מען געהאלפן מיט אלדינגס.

## הושענא למענך אלקינו הושענא

**איצט** זאגט מען למענך בוראינו, דער אמת (השי״ת האט באשאפן) דער מדרש רעכינט דאך אויס בראשית ברא אלקים, און ער האט געזעהן והארץ היתה תוהו ובוהו, דאס איז דאס גלות, ער רעכינט דאך אויס די אלע ארבע גלות׳ער, חשך איז גלות יון, און תהום מיינט מען גלות אדום, ס׳איז אזוי ווי א תהום, מ׳זעהט גארנישט קיין עק און קיין סוף, ורוח אלקים דאס איז דער מלך המשיח, מרחפת על פני המים וכו׳ מתחילת הבריאה האט דער בורא כל עולמים געזעהן אלעס, פארן בורא כל עולמים איז דאך דאס שוין נגלה געווען, מראשית כזאת הודעת ומלפנים אותה גלית, דער בורא כל עולמים האט דאך אלע דורות געהאט פאר די אויגן, דאס אליין איז ווי א שטיקל נחמה, אז מ׳קוקט זיך אן אין אזא נידריגקייט, נאר פון תחלת הבריאה האט מען אונז געזעהן, אז דער בורא כל עולמים האט אזוי באשאפן די וועלט מסתמא וועט נאך ארויסקומען פון אונז אויך עפעס א תכלית, עפעס א כבוד שמים, אוי מ׳זאל די זכיה האבן מ׳זאל עפעס אויפטוהן, אז מ׳זאל טון פארן רצון הבורא ב״ה, אידישע קינדער זאלן קענען דינען דעם באשעפער בנחת ובשמחה, אזוי איז געווען תחילת הבריאה.

**בעוה״ר** די לעצטע נסיונות פונעם לעצטען דור, דער יצרא דמינות, דער יעב״ץ זאגט אז פון ווען מ׳זאגט ולמלשינים האט זיך אויפגעהערט מינות בישראל, בעוה״ר ביז איצטערט, ס׳האט זיך דערוועקט דער ביטערער כח, דער רשב״א זאגט אין א תשובה (מהדו״ק תי״ד) אז מינים ואפיקורסים ס׳איז א

KolSatmar.com

פשיטא - זאגט ער - אז זיי זענען נישט מישראל, נאר זיי זענען נישט פון די עכו"ם אויך נישט, די גוים זענען אויך מאמינים, זיי זענען נאר בני שידין ורוחין ולילין, פון די וואס אדם הראשון האט אין ק"ל שנה שטייט שהוליד שדין ורוחין, כאטש ס'איז שווער צו פארשטיין, זיי זענען דאך געבוירן מזרע אנשים ... נאר איך מיין אזוי, אזוי ווי זיי זאגן די מפרשי הזוהר, דער זוה"ק זאגט אויפן ערב רב אז זיי זענען עמלקים און כנענים, דאס מיינט מען די נשמות, די גופים זענען גאר געבוירן קען זיין מזרע ישראל, נאר נשמותיהן זייערע נשמות זענען פון די עמלקים, און די זענען אויכעט די נשמות פון די שי"ן דל"ת י', און זענען נישט קיין זרע אנשים, דאס איז נישט קיין מעשה דאס איז א תשובת הרשב"א, זיי זענען גארנישט בגדר אנשים.

**עס** קען זיין עס האט זיך איצטערט דערוועקט בעוה"ר דער כח פון די נסיונות, ווייל עס שטייט די מזיקים זענען באשאפן געווארן בערב שבת בין השמשות, צום סוף, סמוך לשבת, אין סוף פונעם טאג זענען באשאפן געווארן די מזיקים, איבערדעם שיתא אלפי שנין הוי עלמא, עס שטייט אין זוה"ק אויך אזוי, אז נאך שנת ת"ר דארף מען אנהייבן שוין מכין זיין צום שבת, ווייל דער אלף השביעי איז אזוי ווי שבת, איבערדעם דער אנדער האלב פון אלף השישי איז אזוי ווי פרייטאג נאכמיטאג, דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן ווען ס'איז געפאלן ערב שבת הושענא רבא פלעגט ער צו זאגן הושענא מכון לשבטיך, אז אידן זענען מקצר ווייל מ'איילט זיך צו צום שבת, זאל ביים בורא כל עולמים נתעורר למעלה מ'זאל זיך צואיילן צום שבת, אבער עכ"פ איצט איז אזוי ווי פרייטאג פארנאכטיץ, דעמאלטץ זענען באשאפן געווארן די מזיקים, אזוי זענען היינט אויכעט רח"ל די מינים ואפיקורסים, וואס מ'ליידט מיר פון זייער שורש איז לא עלינו איינס מיט די רוחין ולילין, און יעצט איז פרייטאג פארנאכטיץ איז דער כח בעוה"ר, מ'ווייסט גארנישט

אז מ׳איז מתפלל, ואל ״ימשלו״ אספרה ושדין בכל ילדי עמך בית ישראל, אז די ש״ד זאלן נישט מושל זיין אויף אידישע קינדער, ותגדלם לתורה ללמוד תורה לשמה, ווי געפינט מען עפעס א ממשלה פון זיי חלילה, ווארן חלילה אז ס׳קומט עפעס פאר איז עס דען א ממשלה פון זיי, נאר לויט ווי דער רשב״א זאגט אין די תשובה אז דאס זענען זיי, די מינים ואפיקורסים, איז דאס א תפלה וואס מען האט שוין מיסד געווען נאך דעמאלטין אויף דעם א תפלה, אז ס׳זאל נישט שולט זיין בכל ילדי עמך בית ישראל.

די גמרא (סנהדרין צ״ז) זאגט אין בן דוד בא עד שיתהפך כל המלכות למינות שנ׳ כולו הפך לבן טהור הוא, איך מיין כ׳האב שוין דאס געזאגט לאנג, וואס מיינט מען כל המלכות למינות מיינט מען אלע מלכיות, דארף שטיין א לשון רבים, וואס הייסט דאס עפעס כל המלכות, וועלעכעס מלכות מיינט מען דאס, קען זיין מ׳האט דא מרמז געווען, חלילה אז ס׳וועט זיין א מלכות ישראל שלא כדת, און דאס וועט נתהפך ווערן למינות אזוי ווי ס׳האט באטראפן די לעצטע דורות, דאס איז דאס ארגסטע, די גרעסטע נסיונות פאר אידן, ס׳איז דער גרעסטער צער פאר מאמינים אין הקב״ה ותורתו הקדושה, דארף מען נאר האפן לרגלו של משיח, איצט לאמיר זעהן ווי ליגט אין דעם כולו הפך לבן טהור אז דאס מיינט מען מינות, לבן איז א טומאה, אבער אלע עבירות זענען דאך טומאה, עריות איז דען נישט טומאה, גזל איז דען נישט טומאה, ווי אזוי איז געדרינגען אז מ׳מיינט מינות פון כולו הפך לבן.

קען זיין לעולם לבן ביקש לעקור את הכל, פון דעסטוועגן האט ער געגלייבט אין השי״ת און ער האט געזאגט יש לאל ידי לעשות עמכם רע ואלקי אביכם אמש אמר אלי השמר לך מדבר עם יעקב מטוב ועד רע, אז השי״ת האט אים געזאגט השמר לך, האט ער געזאגט קען ער נישט, ער האט זיך געפארכטן פאר השי״ת, ער האט

KolSatmar.com

געגלייבט, ער איז געווען אזוי פון די אוה"ע, וואס זענען מאמינים בסיבה ראשונה, אזוי ווי די גמרא זאגט אז זיי גלייבען אלע, נבל, דער ספרי זאגט, רש"י ברענגט עס צו על הפסוק בגוי נבל אכעיסם, בגוי נבל אלו המינים שנאמר נבל בלבו אין אלקים, אז לבן אליין איז נישט קיין מין, איבערדעם היוצא לנו מזה לבן איז אז מ'קערט איבער פונקט היפוך די אותיות צוריק צו וועגס, אין גאנצן אלע אותיות צוריק צו וועגס לבן מאכט נבל, איבערדעם אויב עס ווערט מינות א מלכות המינות ווערט איבערגעדרייט לבן אינגאנצן, אז מ'דרייט איבער לבן בהיפוך אתוון, פון די אותיות קומט אויס נבל אלו המינים, דאס איז דער פשט כולו "הפך" לבן, ס'איז אינגאנצן איבערגעדרייט לבן אינגאנצן צוריק צו וועגס איבערגעדרייט לבן, דאס איז מינות אז ס'איז מינות האף מיר ס'זאל זיין טהור הוא.

בעוה"ר דאס איז שוין געשעהן, די אלע וואס זענען דערינען זענען אלע נתפס למינות, דער איז אזוי פיל געכאפט, דער איז אזוי מיטגעכאפט, מ'איז דאך מסייע נאך מינות, און ביי דעם אלעם ס'איז דאך דאס ערגסטע מינות, אלע זענען נתהפך כולו למינות, בעוה"ר זיי זענען מושל בכל ילדי ישראל, אז די צדיקים פון די פריערדיגע דורות וואלטן דאס געווען צוגעקוקט וואלטן זיי דאס נישט געווען אויסגעהאלטן, אוי וויי, איככה ראיתי באבדן מולדתי, ווי קען מען דאס אזוי רוהיג צוקוקן, ווי מ'שמד אויס מיט כפירה מאות אלפים אידישע קינדער זרע ברוכי ה', און ס'קען זיך נאך טרעפן שומרי תורה ומצוות וואס זיי פרייען זיך נאך אז ס'איז געווארן אזא ניאוץ ה', א מלכות המינות בישראל, אן תורה און אן אמונה, אזוי ווען די פריערדיגע דורות וואלטן דאס געווען געזעהן וואלטן זיי נישט געמאכט איין תשעה באב נאר הונדערט תשעה באב'ס, ס'איז נאך ארגער ווי

דאס גרעסטע חורבן, נאר דער שפלות הדור איז אזוי גרויס, שאין בשר המת מרגיש באיזמל.

נאר אלעס איז אין די בריאה, די זענען באשאפן געווארן ווען די מזיקים זענען באשאפן געווארן, אבער אידן וואס זיי האבן מקבל געווען די תורה הקדושה האט דער בורא כל עולמים געזעהן, זיי זענען געווען אין די בריאה מתחילת אן, ווארט מען דאך פון אונז עפעס א תכלית, אז אונז זאל מיר עפעס האבן געטוהן פאר כבוד שמים, אלעס איז תלוי אין אונז ! ווען אונז זאל מיר אמת׳דיג תשובה טון וואלט מיר געהאלפן געווארן, וואלט מען גאר ניצול געווארן פון די אלע צרות פון די אלע גליות׳ן, דאס איז דאך אלעס בעוון הדור בעוה״ר די אלע נסיונות, ס׳שטייט אין ישמח משה (דרוש ג׳ לחודש אלול) האנוש מאלקי יצדק ואם מעושהו יטהר גבר אז מ׳זאל וויסן אז ס׳איז טאקע א סיבה מן השמים, אבער מיט דעם איז מען נאך אלץ נאך נישט גערעכט, מסתמא האט מען געזינדיגט איז דאס אזוי צוגעקומען, האנוש מאלקי אפילו השי״ת פירט עס אזוי איז מען אלץ נאך נישט גערעכט, אם מעושהו, מיט דעם איז נאך נישט יטהר גבר, עכ״פ דארף מען מתפלל זיין אז דער תכלית הבריאה זאל ארויסקומען, דער תכלית הבריאה איז מ׳זאל וויסן אז ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, ס׳זאל זיין תהלה ליראיך ותקוה טובה לדורשיך ופתחון פה למיחלים לך.

## הושענא למענך בוראינו הושענא

איצט זאגט מען למענך גואלינו, ס׳שטייט אין ישמח משה (הפטורה שופטים) כי לא בחפזון תצאו ובמנוסה לא תלכון וגו׳ ומאספכם ה׳ אלקי ישראל, דער טעם פון אריכות הגלות איז ווייל דאס וועט זיין א גאולה נצחיות ווי עס שטייט ישראל נושע בה׳ תשועת עולמים, זאגט דער מדרש לשעבר הייתם נושעים ע״י בשר ודם, גאולת מצרים איז אויך געווען דורך משה ואהרן, איז עס נישט

KolSatmar.com

קיין גאולה נצחית. און לעתיד וועט זיין ישראל נושע בה' וועט עס זיין תשועת עולמים, אז דאס מוז שוין זיין א תשועת עולמים, און ס'איז נישטא קיין אנדער גלות, איבערדעם דויערט עס לאנג ביז מ'קומט צו דערצו, צו א נצחיות קומט מען נישט אזוי לייכט אן, ממילא דארף מען דורך גיין די אלע גלגולי סיבות, זאגט ער כי לא בחפזון תצאו ולא במנוסה תלכון דאס וועט שוין נישט אזוי שנעל זיין, פארוואס כי מאספכם ה' אלקי ישראל, איז דאך דאס א נצחית, איבערדעם קען דאס נישט גיין אזוי שנעל.

**קען** זיין איבערדעם בעט מען זיך למענך גואלינו, ווייל די וועסט זיין דער גואל, איבערדעם ברויך מען א גרויסע ישועה, ווייל דאס גייט נישט אזוי גרינג, נאר אבער ס'איז שוין נישט בחפזון און נישט במנוסה, ס'איז שוין כלו כל הקיצין, ס'איז שוין אזוי לאנג, דער אמת איז ווען מ'זאל זיך בארעכענען ווער האט זיך גערעכט אז אין תשכ"ב זאל מען נאך אזוי אויסזעהן ווי מ'זעהט אויס, אוי די פריערדיגע צדיקים וואלטן עס נישט געווען אויסגעהאלטן, דער זיידע זכרונו לברכה דער ישמח משה האט געזאגט אין די לעצטע דרשה, גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם אז איך וואלט ווען געוואוסט אז ס'וועט אזוי לאנג דויערן, וואלט איך נישט געקענט ווערן קיין זקן, ער וואלט נישט ווען אויסגעהאלטן, און ער האט געזאגט די האסט מיך פארנארט, אזוי האט ער געזאגט פארן בורא כל עולמים, האט ער געזאגט וואס פאר א נוצן האסטו אז די האסט אויסגעפאפט אן אלטן נאַר, בעוה"ר אונז זענען פארנארט אז מ'שפירט גארנישט, מ'איז אזוי נתגשם, אין בשר המת מרגיש באיזמל, מ'האלט אלעס אויס.

### הושענא למענך גואלינו הושענא

**איצט** זאגט מען למענך דורשנו, די גמרא זאגט (ב"מ כ"ח) והיה עמך עד דרוש אחיך אותו, וכי תעלה על דעתך שיתננו קודם

KolSatmar.com

שידרשהו אלא דרשהו אם הוא רמאי, ממילא דאס איז טייטש דרישה אז מ'איז חוקר ודורש אויב מ'זאגט אמת'דיגע ווערטער, דארף מען צו וויסן השי"ת איז אונז דורש צו אונז זאגן מיר אמת'דיגע דיבורים, לאמיר זיך בארעכענען ס'איז אזוי ווי מ'שטייט מיר פאר חקירה ודרישה, לאמיר זיך בארעכענען היינט איז דער לעצטער טאג, ס'איז נאך צייט, לאמיר נאך זאגן אפאר אמת'דיגע דיבורים פארן בורא כל עולמים, לאמיר נישט אוועק גיין מיט גארנישט, מ'וועלן מיר שוין נישט האבן אזא טאג ביז איבער א יאר, ח"ו אזא יאר וואס ס'איז געווען פריער, אונז ווייס מיר דען ווי מ'האלט, ווי לאנג נאך - ווי לאנג נאך.

## הושענא למענך דורשינו הושענא

הושענא למען אמיתך, אזוי ווי איך האב פריער געזאגט, דורשינו איז טייטש דורשהו אם הוא רמאי, זאל מען וויסן הקב"ה פארלאנגט אמת, ביים בורא כל עולמים איז אמת טאקע אמת'דיג אמת, דארט איז נישט אזוי פשוט דער דורשינו, ס'איז למען אמתך, אוי וויי וואס א פנים האט מען פארן בורא כל עולמים, אז דער בורא כל עולמים איז דער מקור האמת, מ'זאל זיך נישט פאפן, מ'זאל מיר שוין נישט זיין פארפירט פונעם שקר.

## הושענא למען אמיתך הושענא

למען בריתך, ס'איז דא צוויי פשטים עה"פ אם לא בריתי יום ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי, איין פשט איז תורה און איין פשט איז מצות מילה, ווי אזוי מ'זעהט אויס אין מצב התורה הקדושה, ווי אזוי מ'זעהט אויס אין אמיתיות פון די תורה הקדושה, דאס דארף מען דאך נישט צו זאגן, און אפילו מיט דעם מצות מילה, הפוגם בבריתו איז משוך בערלתו, באמת זענען ביידע

KolSatmar.com

אין גלות, לויטביידע פשטים, דער בורא כל עולמים האלט אויף די וועלט מיט רחמים וחסדים על שם העתיד, ווי בשפלות דער כח התורה איז, מי יתרץ שברים ומי יפרק הויות, ווי אזוי זעהט אויס דער כח התורה, דאס אמיתיות פון די תורה הקדושה און ווי אזוי מ'זעהט אויס אין פגם הברית, ווי גרויס און ביטער זענען די נסיונות, מי יאמר זכיתי לבי טהרתי מחטאי, לעולם הושענא רבא, ערבה איז בגמ' זרע, ס'שטייט אז דער טאג איז מסוגל אויף מתקן צו זיין דעם עון פגם הברית, איבערהויפט די צדיקים האבן דאך מעיד געווען אז ווען אידן קומען זיך צונאזאם אין א מקום קדוש קומען די אלע ניצוצים הקדושים אהין, און זיי בעטן זיך זייט אונז מעלה! לאזט אונז נישט דארטן ווי מ'זענען! דער זיידע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן ער זעהט ווי זיי בעטן זיך, אונז זעה מיר נישט, אבער מ'גלייב מיר, לאמיר רחמנות האבן, מיט וואס קען מען מעלה זיין די ניצוצים הקדושים נאר מיט הייסע טרערן! לאמיר נישט שוינען קיין טרערן ! אוי אז מ'וועט עפעס פארעכטן אין דעם ענין איז מען אויך מקרב די גאולה, לאמיר נישט אוועקגיין פון דעם טאג בחרפה ובבושה, אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה.

## הושענא למען בריתך הושענא

**למען גדלך ותפארתך**, די גמרא זאגט (יומא ס"ט) למה נקרא שמן אנשי כנסת הגדולה, קודם האט מען נישט געזאגט הגדול הגבור והנורא, ווייל אי' גדולתו אי' גבורותיו, אידן זענען אין גלות, און דערנאך האבן זיי געזאגט הן הן גבורותיו והן הן נוראותיו, דאס איז די גרויסקייט, אז מ'דערהאלט זיך אויף, שה אחד בין כמה זאבים, דער אמת אין דעם ביטערע גלות אין די גרויסע נסיונות, אין דעם גרויסן גלות פון די אומות, אין דאס גרויסע גלות פונעם ערב רב אז ס'איז נאך דא אידן וואס גלייבען אין באשעפער איז עס נאר גרויסע ניסים פון הקב"ה, דער אמת

KolSatmar.com

וועו נישט די ניסים מן השמים האט מען זיך נישט געקענט דערהאלטן ביי א שטיקל אמונה, נאר ס'איז א גרויסער חילוק וואס דאס גרויסקייט איז, אז מ'זעהט אן, אז מ'איז טאקע, דאס טייטשט מען עד מתי עזך בשבי, ווייל דאס שטארקייט איז נאר בשבי, ווייל הן הן גבורותיו, נאר דאס איז טאקע אויך א גרויסקייט, אז דער בורא כל עולמים העלפט מ'קאן זיך דערהאלטן, אבער ס'דאך נישט שיין, אוי איה תפארתו והדרו, למה יאמרו הגוים איה נא אלקיהם, אז מ'זעהט נישט און מ'הערט נישט, איך פלעג אייביג טייטשן (עיי' הו"ר תשכ"א) ס'שטייט נישט (יואל ב' י"ז) למה יאמרו העמים, נאר למה יאמרו בעמים אז אידן אליין פרעגן שוין, די וואס זענען אויסגעמישט אין די עמים פרעגן אויך איה נא אלקיהם, ווי איז דאס שיינקייט, וועגן דעם זאגט מען גדלך ותפארתך, ווייל דאס גרויסקייט זאל זיין בתפארת און נישט חלילה פארקערט.

## הושענא למען גדלך ותפארתך הושענא

הושענא חנה דוד, ס'איז דא וואס זאגן בנין ירושלים ביזן סוף, ס'איז דא ראשונים וואס זיי זאגן ובנה אותה בקרוב בימינו וכסא דוד איי מ'לאזט אויס נישט פון דוד המלך...כי לישועתך קוינו כל היום מצמיח קרן ישועה, ס'מוז דאך זיין מעין החתימה ומעין הפתיחה, זאגט דער ב"ח (או"ח סי' קי"ח) אז ס'איז מעין הפתיחה, אונז זענען מתפלל אויף ירושלים, מ'לאזט אויס מיט בונה ירושלים, און ס'שטייט וכסא דוד עבדך מהרה לתוכה תכין, דאס בעט מען ביי בנין ירושלים, ולירושלים עירך ברחמים תשוב, און מ'זאגט וכסא דוד עבדך מהרה לתוכה תכין, איז עס נישט מעין הפתיחה, זאגט דער ב"ח אז ס'איז יא מעין הפתיחה ווייל אונז זענען מתפלל אויף אזא ירושלים אז דוד המלך זאל קענען וואוינען דארט, טאמער איז עס נישט מצד די קדושה איז עס נישט ראוי פאר דוד המלך, אויף אזא ירושלים איז מען גאר נישט

KolSatmar.com

מתפלל, איבערדעם איז עס מעין פון ולירושלים עירך ברחמים תשוב, ווייל אז ס'זאל זיין אזוי אז וכסא דוד עבדך מהרה לתוכה תכין, איבערדעם איז דאס מעין הפתיחה, דעם ב"ח'ס ווערטער איז מתאים מיטן זוה"ק, אין זוה"ק פרשת ויקהל, לא בחרתי בעיר וגו' ואבחר בדוד עבדי, דוד איז דאך נישט קיין שטאט?

**זאגט** דער זוה"ק אז ווילאנג מ'האט נישט געמאכט דוד המלך פאר א מלך האט הקב"ה נישט געוואלט אז אידן זאלן זיך באזעצן דארט, עס מוז זיין וואס מיר האפן מסיטרא דקדושה און אנדערש נישט, איבערדעם זאגט מען זבול תפארתך אז ס'איז חנה דוד, דער זבול תפארתך איז מקושר מיט חנה דוד, דעמאלטץ איז עס טוב הלבנון.

## הושענא חנה דוד הושענא

**למען** גבור הנאבק עם שר אש, קען זיין ס'ליגט דערין א לימוד זכות, יעקב אבינו איז דאך זיכער געווען א גבור, איזהו גבור הכובש את יצרו, דעסטוועגן אז דער ס"מ האט זיך פארלייגט איז געווען ויאבק איש עמו, העלו אבק עד כסא הכבוד, ס'איז א גרויס התאבקות געווען, אזוי ווי די גמרא זאגט חזי דאנא בשרא ואנת נורא, אזוי ווייסט מען אז מ'האט פאר זיך, יעדער האט זיך א שר אש אין זיך, דער בעל דבר פארלייגט זיך אין די לעצטע יארן, איבערהויפט פאר ביאת המשיח, אזוי ווי דער תוס' יו"ט זאגט, ס'געווען א נס פארן כהן גדול, ווייל מ'האט געוואוסט אין אים איז געווענדט כפרת כל ישראל, איבערדעם אין די לעצטע דורות ווארט מען אויף ביאת המשיח, ס'איז אין אונז געווענדט, אז אונז וועל מיר זוכה זיין וועט נתרומם ווערן דער כח פון מלך המשיח, ס'וועט זיין ורוח הטומאה יעבור מן הארץ, איבערדעם פארלייגט זיך אזוי דער בעל דבר, לאמיר זעהן, אז דער אייבישטער וועט העלפן און ס'וועט זיין די גאולה שלימה, וואויל וועט זיין די אידן

וואס מ׳וועט קענען אנווייזן אויף זיי די האבן צוגעהאלפן צו די גאולה, אזוי ווי אזוי ס׳איז א חרפה ובושה אויף די וואס מ׳עט קענען אנווייזן אז די האסט געהאלפן חלילה צום התרחקות, דורך די עוונות ישראל דורך דעם פארשפעטיגט ער זיך, איבערדעם זאל מען וויסן היינט איז מען א נאבק עם שר אש, נאר ס׳איז נישט קיין גבור, ס׳איז א שוואך דור, מ׳האט אויף אונז ארויפגעלייגט דאס לעצטע דור, די הייליגע תנאים האבן געזאגט ייתי ולא אחמיניה, זיי האבן מורא געהאט פאר די נסיונות, איצט האבן מיר עס אונז דערלעבט, וואס פאר א עצה האבן מיר, אונז זענען זיך צוזאם געקומען אין אזא טאג ווי הושענא רבא, לאמיר בעטן דעם באשעפער אז מ׳זאל מיר ניצול ווערן פון דעם אש, א ביטער פייער ברענט אויף די וועלט ברוחניות ובגשמיות!

דער בורא כל עולמים זאל העלפן אז ס׳זאל ארויסקומען פון אונז א כבוד שמים, אז מ׳זאל אויפציען דורות פון אידן וואס דינען דעם באשעפער, מ׳זאל נישט חלילה נדחה ווערן, אונז זאל מיר זוכה זיין צו זעהן דעם מלך המשיח מיט משה ואהרן, ווער ווייסט דען ווער ס׳וועט זוכה זיין און ווער ס׳וועט חלילה נדחה ווערן, לאמיר זעהן אז מ׳זאל מיר מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים, מ׳האלט מיר שוין ביי די לעצטע הקפה, מ׳האט נישט קיין כח ווייטער, כאטש אין קורצן, מיט איין רגע א גוטע וואס איז חשוב פארן באשעפער קען מען אזוי פיל אויפטוהן אז ס׳האט קיין שיעור נישט, לאמיר זיך בעטן פתח לנו שער בעת נעילת שער! מ׳פארשליסט שוין די טויערן! לאמיר נאך זיך בעטן שערי רחמים! שערי ישועה! שערי גאולה! שערי כבוד שמים! שערי התרוממות קרן התורה וישראל! מ׳זאל מיר די זכיה האבן מ׳זאל זיין דבוק אין לעבעדיגן באשעפער.

**הושענא למען גבור הנאבק עם שר אש הושענא**

KolSatmar.com

**הושענא** למען כמה עד שקעה האש, אז ער האט געווארט ביז ס'איז שקעה געוועזן דאס פייער, דורך די גזירה רעה חלילה, און עקסטער דעם דער שטן ווערט דאך אנגערופן אש, דער בורא כל עולמים זאל העלפן אז ווען אונז וועלן מיר ארויסגיין פון דאנעט זאל זיין שקעה האש, אידן זאלן אפגעהיטן ווערן מכל גזירות קשות ורעות! אונז זאל מיר זוכה זיין צו א לעבעדיג יאר! מ'זאל דינען דעם באשעפער מתוך נחת ושמחה! אונז זאל מיר נישט ארויס בחרפה ובבושה! אונז גיי מיר ארויס פון דעם טאג אין דעם הייליגען יו"ט, ס'זאל זיין ישמחו השמים ותגל הארץ!

**הושענא למען כמה שקעה האש הושענא**

KolSatmar.com